STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10883

REZOLYUTSYES FUN XVIII ALFARBANDISHER KONFERENTS FUN DER ALKP(B)

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניקט זיך!

רעזאָלוציעס
פון
דער XVIII אלפארבאנדישער קאָנפערענץ פון דער אלקפ(ב)

15 — 20 פעווראל 1941 יאָר

אָגיז
מעלוכע-פארלאג „דער עמעס"
מאָסקווע 1941

וועגנ די אופגאבנ פונ די פארטיי־אָרגאניזאציעס אינ געביט פונ דער אינדוסטריע אונ פונעמ טראנספּאָרט.

רעזאָליוציע איבערנ פאָרטראָג פונעמ כאווער מאלענקאָוו, אָנגענומענ אפ דער XVIII אלפארבאנדישער קאָנפערענצ פונ דער אלקפ(ב).

I.

די דערפאָלגנ אונ די כעסרוינעס אינ דער ארבעט פונ דער אינדוסטריע אונ פונעמ טראנספּאָרט.

די XVIII אלפארבאנדישע קאָנפערענצ פונ דער אלקפ(ב) מערקט אָפּ, אז די אינדוסטריע אונ דער טראנספּאָרט פונעמ ראטנפארבאנד האָבנ אינ 1940 יאָר געמאכט א באדייטנדיקנ שריט פאָרויס אינ פראט פונ אויספילנ דעמ דריטנ פינפיאָריקנ פּלאנ, האָבנ פארגרעסערט דעמ פארנעמ פונ דער פּראָדוקציע, געזיכערט אינ א באדייטנדיקער מאָס דעמ ווייטערדיקנ וווּקס פונ דער פאָלקסווירטשאפט אונ די פארפעסטיקונג פונ דער שוצמעכטיקייט פונ לאנד.

די פּראָדוקציע פונ דער סאָציאליסטישער אינדוסטריע האָט זיכ אינ 1940 יאָר פארגרעסערט אפּ 11% אינ פארגלייכ מיטנ 1939 יאָר, דערביי זיינענ אינ 1940 יאָר די טעמפּנ פונעמ וווּקס פונ דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע סיסטעמאטיש געשטיגנ.

עס האָט זיכ פארבעסערט, באזונדערס אינ דער צווייטער העלפט פונ 1940 יאָר, די ארבעט פונ א ריי ביז גאָר וויכטיקע אינדוסטריע=צווייגנ. עס איז באדייטנדיק אויסגעוואקסנ דער קוילנ=ארויסבאקומ. עס זיינענ אויסגעוואקסנ די אויסשמעלצונג פונ טשוהונ, שטאָל אונ די פּראָדוקציע פונ וואלצ, דערביי האָט זיכ באזונדערס פארגרעסערט דער ארויסלאָז פונ ספּעציעלע מארקעס שטאָלנ

אונ פונ הויכקוואליטאטיווע וואלצ, וואָס גייענ פאר די באדערפעניש פונ דער קוואליפיצירטער מאשינבויונג אונ פונ דער לאנדשוצ=אינדוסטריע. עס האָט עטוואָס פארבעסערט איר ארבעט אויכ די קאָלירטע מעטאלורגיע, באזונדערס אינ פראט פונ ארויסלאָזנ קופער אונ אליומיני. די מאשינבוי=אינדוסטריע האָט זיכ אינ 1940 יאָר דערשלאָגנ וויכטיקע דערפאָלגנ אינ פראט פונ באהערשנ נייע מינימ קאָמפליצירטע מאשינעס אונ ווערקשטעלנ פונ די נייסטע קאָנ=סטרוקציעס. די וווקס=טעמפנ פונ דער פראָדוקציע פונ די אינדוסטריעלע לאנד=שוצ=פאָלקאָמאטנ זיינענ אינ 1940 יאָר געווענ באדייטנדיק העכער פונ די וווקס=טעמפנ פונ דער פראָדוקציע פונ דער גאנצער אינדוסטריע.

אינ רעזולטאט פונ די דערפאָלגנ אינעמ באהערשנ די נייע טעכניק אונ פונעמ וווקס פונ דער לאנדשוצ=אינדוסטריע איז באדייטנדיק אויסגעוואקסנ די טעכנישע באוואָפנטקייט פונ דער רויטער ארמיי אונ פונעמ מיליטערישנ יאמ=פלאָט מיט די נייסטע מינימ אונ טיפנ מאָדערנער באוואָפענונג.

עס האָבנ עטוואָס פארבעסערט זייער ארבעט אויכ די טעקסטיל=אינדוס=טריע, די לייכטע אינדוסטריע אונ די שפייז=אינדוסטריע.

דער וווקס פונ די אייזנבאנ= אונ וואסער=טראנספאָרטירונגען האָט געזוי=כערט, אז עס זאָל פארבעסערט ווערנ די באזאָרגונג פונ די וויכטיקסטע צווייגנ פונ דער פאָלקסווירטשאפט מיט הייצוואָרג, ארצ, מעטאל, געהילצ אונ אנדערע מינימ רויוואָרג אונ מאטעריאלנ.

אינ פראט פונ פארבעסערנ די ארבעט פונ דער אינדוסטריע אונ פונעמ טראנספאָרט אינ דער צווייטער העלפט פונ 1940 יאָר האָבנ א גרויסע ראָליע געשפילט די מאָסמיטלענ פונ דער פארטיי אונ פונ דער רעגירונג צו פארפעס=טיקנ די ארבעט=דיסציפלינ אונ דער אריבערגאנג צו אנ אכטשאָיקנ ארבעט=טאָג אונ צו א זיבנטאָגיקער ארבעט=וואָכ.

אינ רעזולטאט פונ די דאָזיקע מאָסמיטלענ איז אויסגעוואקסנ די ארבעט=פראָדוקטיווקייט, האָט זיכ פארפעסטיקט די ארבעט=דיסציפלינ אינ די אונטער=נעמונגענ.

די XVIII אלפארבאנדישע קאָנפערענצ פונ דער אלקפ(ב) האלט אָבער, אז באגלייכ מיט די דערפאָלגנ זיינענ פאראנ ערנסטע כעסרוינעס אינ דער אר=בעט פונ דער אינדוסטריע אונ פונעמ טראנספאָרט.

א ריי אינדוסטריע=צווייגנ, באזונדערס די לאָקאָמאָטיוו= אונ וואגאָנ=בויונג,

די עלעקטראָ=אינדוסטריע, די װאַלד=, פּאַפּיר=, פיש=אינדוסטריע און די אינדוס=
טריע פון בוי=מאַטעריאַלן שטייען אָפּ און פילן ניט אויס די פּראָדוציר=פּלענער.
די נאַפט=אינדוסטריע, האָגאָמ זי האָט אין IV קװאַרטאַל פון 1940 יאָר קענ=
טיק פאַרבעסערט איר אַרבעט, האָט זי דאָך ניט אויסגעפילט דעם פּלאַן פון
1940 יאָר. אַפילע אין די אינדוסטריע=צװײַגן, װעלכע האָבן, אײַנגאַנצן גענומען,
פאַרבעסערט זייער אַרבעט, זײַנען פאַראַן אַ רײ אונטערנעמונגען, דערונטער
אויך גרויסע, װאָס זײַנען שױן אַ לענגערע צײַט הינטערשטעליק.

אין אַ רײ אינדוסטריע=צװײַגן װערן ניט רעכטצײַטיק געלאָזט אין עקספּלוּ=
אַטאַציע די נײַע פּראָדוציר=מעכטיקײַטן.

אין רעזולטאַט פון די דערלאָזטע איבערהויצאָעס פון רױװאַרג, מאַטעריאַלן,
הייצװאַרג, עלעקטראָענערגיע, אין רעזולטאַט פון די גרויסע פאַרלוסטן מאַכ=
מעס דעם בראַק און פון אַנדערע אומװירטשאַפטלעכע הויצאָעס איז אין אַ
רײ אינדוסטריע=צװײַגן ניט אויסגעפילט געװאָרן דער פּלאַן פון אַראָפּזעצן
דעם קערנקאָסט פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע. באַזונדערס האָט עס אַ
שײַכעס צו אַזױנע אינדוסטריע=צװײַגן, װי די נאַפט=, װאַלד=, פּאַפּיר=אינדוס=
טריע און די אינדוסטריע פון בוי=מאַטעריאַלן.

ניט געקוקט דערויף, װאָס אין 1940 יאָר האָט זיך פאַרבעסערט די אַרבעט
פון די עלעקטראָסטאַנציעס, דאָך טרעפט אין די עלעקטראָסטאַנציעס און באַ=
זונדערס אין די עלעקטראָ=נעצן נאָך אַלץ אַ גרויסע צאָל אַװאַריעס מאַכמעס
דער צעפאָרנקײַט פונעם טעכנישן פּערסאָנאַל און מאַכמעס דעם, װאָס עס
װערן ניט אָפּגעהיט די קלאָלים פון טעכנישער עקספּלואַטאַציע. דאָס אײַנגלי=
דערן די נײַע טעכניק: דער איבערגאַנג צום הויכן דרוק און הויכער טעמפּע=
ראַטור פון דאַמף, די אויטאָמאַטיזאַציע פון דער אָנפירונג מיט די אַגרעגאַטן,
די אָנװענדונג פון מאָדערנער שנעלװירקנדיקער עלעקטראָשוץ — קומט פאָר
לאַנגזאַם און ניט אין קײן גענוגנדיקן מאַסשטאַב.

אין דער אַרבעט פונעם טראַנספּאָרט זײַנען אויך פאַראַן ערנסטע כעסרוי=
נעס. אַפּן אײַזנבאַן=טראַנספּאָרט װערן ניט אויסגעפילט די אײַנגעשטעלטע נאָר=
מעס פון דעם אומזאַץ פון װאַגאָנען און עס איז נאָך אַלץ זייער גרויס די
צאָל אַװאַריעס. אַ רײ אײַזנבאַנען ספּראַװען זיך שלעכט מיטן איבערפירן
אויסערסט װיכטיקע פראַכטן, האָבן ניט אָרגאַניזירט װי געהעריק די פּאַסאַ=
זשיר=באַװעגונג און האָבן ניט ליקװידירט די פאַרשפּעטיקונגען פון די צוגן.

אינעם יאמ= אונ טײַכ=טראנספּאָרט איז שלעכט אָרגאניזירט די אָנלאָדונג=
אונ אויסלאָדונג=ארבעט אינ די פּאָרטנ אונ אנקער=פּלעצער, עס זײַנענ פאראנ
כעסרוינעס אינעם אָרגאניזירנ די באוועגונג פונ די שיפנ אונ עס איז נאָכ אלצ
זייער גרויס די צאָל פאלנ, ווענ מע ברעכט די קלאָלים פונ דער טעכנישער
עקספּלואטאציע פונעם פלאָט, מאכמעס דעמ ווערנ די שיפנ אָפּט קאליע אונ
שטעלנ זיכ אפּ רעמאָנט אינ דער צײַט פונ דער נאוויגאציע.

אינ דער ארבעט פונ די אײַזנבאנ=סטאנציעס, פּאָרטנ אונ אנקער=פּלעצער
איז ניטאָ דער געהעריקער קאָנטאקט. דאָס ברענגט דערצו, אז דער טאָנאזש,
די וואגאָנעס אונ לאָקאָמאָטיוונ שטייענ א צײַט ליידיק, עס פארהאלטנ זיכ
לאנג די פראכטנ אינ די איבערלאָד=פּונקטנ.

II.

די סיבעס פונ די כעסרוינעס אינ דער ארבעט פונ די פאָלקאָמאטנ אונ פונ די פּארטיי־אָרגאניזאציעס אינ געביט פונ דער אינדוסטריע אונ פונעם טראנספּאָרט.

די XVIII אלפארבאנדישע קאָנפערענצ פונ דער אלקפּ(ב) האלט, אז די
ניט=באפרידיקנדיקע ארבעט פונ א ריי אינדוסטריע=צווײַגנ דערקלערט זיכ קוי=
ןעמקאָל דערמיט, וואָס:

א) די פאָלקאָמאטנ פירנ זייער ארבעט אינ א סאכ אויפאנימ ביוראָקרא=
טיש, דערקלײַבנ זיכ נאָכ ניט צו יעדער באזונדערער אונטערנעמונג, „פירנ
אָנ" מיט זייערע אונטערנעמונגענ ניט אינ טאָכ, נאָר פאָרמעל, מיט דער הילפ
פונ שרײַבנ פאפירלעכ;

ב) די פאָלקאָמאטנ קאָנטראָלירנ ניט, וויאזוי די דירעקטאָרנ פונ די אונ=
טערנעמונגענ פילנ אויס די באשלוסנ פונ די פאָלקאָמאטנ, אונ באגרענעצנ,
אזויארומ, די ראמענ פונ זייער אָנפירונגס=ארבעט מיט אָפּהאלטנ זיצונגענ פונ
די קאָלעגיעס אונ אָנעמענ באשלוסנ, ניט פארשטייענדיק, אז באשלוסנ ווערנ
אָנגענומענ ניט צוליב די באשלוסנ גופע, נאָר צוליב דעמ, אז מע זאָל זיי
אויספילנ, ניט פארשטייענדיק, אז דער הויפּט=טייל פונ דער אָנפירונגס=ארבעט
דארפ באשטיינ ניט אינ אָפּהאלטנ זיצונגענ אונ ניט אינ אָנעמענ באשלוסנ, נאָר אינ
טאָגטעגלעכנ קאָנטראָלירנ, וויאזוי עס ווערנ אויסגעפילט די דאָזיקע באשלוסנ;

ג) אָנשטאָט העלפֿנ די אונטערנעמונגענ פֿונ זייער געגנט, שטאָט, ראיאָנ, האָבנ א סאַך אָרטיקע פּארטיי־אָרגאניזאציעס אָפּגעשוואַכט זייער ארבעט סײַ אינ דער אינדוסטריע, סײַ אינעם טראנספּאָרט, האלטנדיק זיכ בא דער פֿאַלשער פֿאָרשטעלונג, אז זיי טראָגנ ניט קיינ אַכרײַעס פֿאר דער ארבעט פֿונ דער אינדוסטריע און פֿונעם טראנספּאָרט;

ד) פּונקט ווי די ווירטשאַפֿטלעכע אָרגאניזאציעס, פֿארשטייענ ניט די אָרטיקע פּארטיי־אָרגאניזאציעס דעמ זינ אונ די באַדײַטונג פֿונ קאָנטראָלירנ די אויספֿילונג אונ העלפֿנ ניט מאכמעס דעמ די פֿאָלקאָמאטנ אונ די הויפּט־פֿארוואלטונגענ אוועקצושטעלנ דעמ טאָגטעגלעכנ קאָנטראָל פֿונ דעמ, וויאזוי די דירעקטאָרנ פֿונ די אונטערנעמונגענ פֿילנ אויס די באשלוסנ פֿונ זייערע פֿאָלקאָמאטנ.

פֿארנעמענדיק זיכ מיט דער לאנדווירטשאַפֿט, מיט די פֿראגנ פֿונ פֿאַרגרייטנ לאנדווירטשאַפֿטלעכע פּראָדוקטנ, האָבנ א סאַך געגנטקאָמענ פֿונ פּארטיי פֿארנאכלעסיקט די ארבעט אינ דער אינדוסטריע און אינעם טראנספּאָרט, האָבנ פֿארגעסנ וועגנ זייער פֿאראנטוואָרטלעכקײַט פֿאר דער ארבעט פֿונ די זאוואָדנ, פֿאבריקנ, שאכטעס, ארצגרובנ, אײַזנבאנענ פֿונ זייער געגנט, שטאָט, ראיאָנ, און די שטאָטקאָמענ פֿונ פּארטיי, וואָס זײַנענ מעכניעוו זייער הויפּט־אויפֿמערקזאמקײַט אָפּגעבנ דער אינדוסטריע אונ דעמ טראנספּאָרט, פֿארנעמענ זיכ ניט מיט דער דאָזיקער פֿראגע אונ נעמענ ניט אָנ קיינ מיטלענ צו פֿארבעסערנ די ארבעט פֿונ די הינטערשטעליקע אונטערנעמונגענ און אײַזנבאנענ.

אָנשטאָט דעמ, אז די שטאָטקאָמענ און געגנטקאָמענ פֿונ פּארטיי זאָלנ ארײַנדרינגענ אינ דער ארבעט פֿונ די פֿאבריקנ, זאוואָדנ, אײַזנבאנענ, שטייענ זיי ניט זעלטנ אָנ א זײַט פֿונ דער אינדוסטריע און פֿונעם טראנספּאָרט, קאָנטראָלירנ ניט די ארבעט פֿונ די אונטערנעמונגענ, קאָנטראָלירנ ניט די אָנפֿירנדיקע מענטשנ אינ די פֿאבריקנ, זאוואָדנ און אײַזנבאנענ, דעקנ ניט אויפֿ די בעסרוינעס אינ דער ארבעט און דערמיט גופֿע באקעמפֿנ זיי ניט די דאָזיקע בעסרוינעס.

.די שטאָטקאָמענ און געגנטקאָמענ פֿונ פּארטיי האָבנ זיכ צוגעוווינט צו דער לאגע, אז א ריי אונטערנעמונגענ געפֿינענ זיכ בא זיי א דויערנדיקע צײַט אינ א טיפֿנ דורכבראָכ און נעמענ ניט אָנ קיינ עפֿעקטיווע מיטלענ צו מאכנ א סאָפּ צו דער דאָזיקער שענדלעכער דערשײַנונג.

באזונדערס שלעכט פֿארנעמענ זיכ די שטאָטקאָמענ און געגנטקאָמענ פֿונ

פארטיי מיט די אונטערנעמונגענ אונ אינדוסטריעלע בוויונגענ, וואָס זײַנענ אונטערגעוואָרפנ די פארבאנדישע פאָלקאָמאטנ, ארויסגייענדיק פונ דער פעלערהאפטער פאָרשטעלונג, אז פארנ צושטאנד פונ דער ארבעט אינ די דאָזיקע אונטערנעמונגענ אונ בוויונגענ זײַנענ פאראנטוואָרטלעכ אויסשליסלעכ די פאָלקאָמאטנ.

א גרויסער כיסאָרנ אינ דער ארבעט פונ די שטאָטקאָמענ אונ געגנטקאָמענ פונ פארטיי איז דאָס, וואָס זיי דרינגענ ניט ארײַנ אינעם טאָכ פונ דער ארבעט פונ די אונטערנעמונגענ, דערלערנענ ניט די עקאָנאָמיק פונ די אונטערנעמונגענ אונ אָנשטאָט דעמ קומענ זיי אָפטמאָל אָפּ מיט אויבערפלעכלעכע רעוויזיעס אונ אויבנופיקע באשלוסנ.

די XVIII אלפארבאנדישע קאָנפערענצ פונ דער אלקפ(ב) האלט, אז די שטאָטקאָמענ, געגנטקאָמענ, קאנטקאָמענ, די צק פונ די קאָמפארטייענ פונ די פארבאנדישע רעפובליקנ זײַנענ מעכויעוו, באגלײַכ מיט די פאָלקאָמאטנ, טראָגנ די אכרײַעס פאר דער ארבעט פונ אלע אונטערנעמונגענ פונ דער אינדוסטריע אונ פונעמ טראנספאָרט אינ דער שטאָט, געגנט. גראָד די שטאָטקאָמענ, געגנטקאָמענ, קאנטקאָמענ, די צק פונ די קאָמפארטייענ פונ די פארבאנדישע רעפובליקנ האָבנ א מעגלעכקײַט דירעקט אָפּ אנ אָרט, אמערסטנ אָביעקטיוו, ניט רעכענענדיק זיכ מיט די שמאָל-אמטלעכע אינטערעסנ, פאנאנדערקלײַבנ זיכ אינ דער לאגע פונ דער אונטערנעמונג, פעסטשטעלנ, אינ וואָס עס באשטייענ די כעסרוינעס אינ איר ארבעט, אונ העלפנ די אָנפירנדיקע טוער פונ די אונטערנעמונגענ אונ די פאָלקאָמאטנ באזײַטיקנ די דאָזיקע כעסרוינעס.

.III

די ווירטשאפטלעכ־פאָליטישע אויפגאבנ פונ די פארטיי־אָרגאניזאציעס אינ געביט פונ דער אינדוסטריע אונ פונעמ טראנספאָרט.

וואָסערע מיטלענ דארפ מענ אָנעמענ לויט דער ליניע פונ די ווירטשאפטלעכ-פאָליטישע אויפגאבנ פונ די פארטיי-אָרגאניזאציעס, קעדיי צו ליקווידירנ די כעסרוינעס אינ דער ארבעט פונ דער אינדוסטריע אונ פונעמ טראנספאָרט?

1. קווידעמקאָל איז אומבאדינגט נייטיק קאטעגאָריש צו ליקווידירנ די גלײַכגילטיקע באציונג פונ די פארטיי=אָרגאניזאציעס צומ צושטאנד פונ דער אינדוסטריע אונ פונעמ טראנספּאָרט אונ אנטשיידנדיק א קער טאָנ די אופמערקזאמקײַט פונ די פארטיי=אָרגאניזאציעס אינ דער ריכטונג פונ מאקסימאלער זאָרג וועגנ די באדערפענישנ אונ אינטערעסנ פונ דער אינדוסטריע אונ פונעמ טראנספּאָרט.

עס איז אומבאדינגט נייטיק, אז די פארטיי=אָרגאניזאציעס זאָלנ סיסטעמאטיש ארײַנדרינגענ אינ דער ארבעט פונ די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ, אײַזנבאנענ, שיפ=פארוואלטונגענ אונ פּאָרטנ, אויסקלאָרנ זייערע באדערפענישנ אונ פאָדערונגענ אונ העלפנ די ווירטשאפטלעכע אָרגאניזאציעס אינ זייער טאָגטעגלעכער ארבעט פונ אָנפירנ מיט דער אינדוסטריע אונ מיטנ טראנספּאָרט.

די פארטיי=אָרגאניזאציעס האָבנ ביז איצט די הויפּט=אופמערקזאמקײַט אָפּגעגעבנ דער פראגע פונ אָנפירנ מיט דער לאנדווירטשאפט. אונ דאָס איז געווענ ריכטיק, קאָלזמאנ די טוווע=פּראָבלעמ איז נאָכ ניט געווענ געלייזט. איצינד אָבער, ווענ עס זײַנענ שוינ אינ גרונט געלייזט די טוווע=פּראָבלעמ אונ די אופגאבע צו באקומענ יאָר=יערלעכ א טוווע=גערעטעניש פונ 7—8 מיליארד פוד, — איצינד איז אומבאדינגט נייטיק א קער טאָנ די פארטיי=אָרגאניזאציעס צו דער אינדוסטריע אונ צומ טראנספּאָרט. דאָס באטײַט ניט, אז מע דארפ אָפּשוואכנ די אופמערקזאמקײַט צו דער לאנדווירטשאפט. דאָס באטײַט אָבער, אז די פארטיי=אָרגאניזאציעס זײַנענ אפ אזויפיל אויסגעוואקסנ, אז זיי קאָנענ זיכ פארנעמענ אינ א גלײַכער מאָס אי מיט דער אינדוסטריע אי מיט דער לאנדווירטשאפט.

2. עס איז אומבאדינגט נייטיק, ווײַטער, אז די פארטיי=אָרגאניזאציעס זאָלנ העלפנ די פּאָלקאָמאטנ אונ די הויפּט=פארוואלטונגענ קאָנטראָלירנ, וויאזוי עס ארבעטנ די דירעקטאָרנ פונ די אונטערנעמונגענ, קאָנטראָלירנ, וויאזוי די אונטערנעמונגענ פילנ אויס די באשלוסנ פונ די פּאָלקאָמאטנ.

די פארטיי=אָרגאניזאציעס דארפנ פארשטיינ, אז בלויז די פּאָלקאָמאטנ אליינ זײַנענ ניט אימשטאנד צו קאָנטראָלירנ, וויאזוי עס ארבעטנ די אונטערנעמונגענ, צו קאָנטראָלירנ, וויאזוי עס ווערנ אויסגעפילט די באשלוסנ פונ די פּאָלקאָמאטנ. דעריבער דארפנ די פארטיי=אָרגאניזאציעס העלפנ די פּאָלקאָמאטנ צו קאָנטראָלירנ, וויאזוי די אונטערנעמונגענ פילנ אויס די דירעקטיוונ

פון די פּאָלקאָמאטן, דה. צו קאָנטראָלירן, וויאזוי עס ארבעטן די דירעקטאָרן פון די אונטערנעמונגען.

3. עס איז אומבאדינגט נייטיק, ווייטער, אז די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און די אייזנבאנען זאָלן האָבן א ריכטיק אוועקגעשטעלטן דיסקאָנט פון דער אויסשטאטונג, פון אלע מינים פארמעגן און מאטעריאלן.

די פּארטיי־אָרגאניזאציעס דארפן פארשטיין, אז אָן א ריכטיקן דיסקאָנט קאָן מען ניט אָנפירן מיט דער אונטערנעמונג און מיט דער אייזנבאן. די ארבעט פון די אונטערנעמונגען, ווו עס איז ניטאָ קיין וויפל־ניט־איז נאָרמאַלער דיסקאָנט, איז פול מיט סורפּריזן. אין אזוינע אונטערנעמונגען מוזן אומפארמיידלעך פּאָרקומען דורכרייסן אין דער ארבעט, מאכמעס דעם, וואָס עס פעלן, אומגעריכט פארן אָנפירער, מאטעריאלן, האלב־פאבריקאטן, אינסטרומענטן, אויסשטאטונג. ווען עס איז פארנאכלעסיקט דער דיסקאָנט פון דער אויסשטאטונג און פון די מאטעריאלן, האָט ניט דער דירעקטאָר קיין מעגלעכקייט ריכטיק און אין דער פולער מאָס אויסנוצן די רעסורסן פון דער אונטערנעמונג און זיכערן א רעגולערן גאנג פון דער פּראָדוקציע.

4. עס איז אומבאדינגט נייטיק, ווייטער, אז אין אונדזערע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, אף די אייזנבאנען און אין די אָרגאניזאציעס פונעם וואסער־טראנספּאָרט זאָל אין דער פולער מאָס און ריכטיק אויסגענוצט ווערן די אויסשטאטונג און עס זאָלן אף א ווירטשאפטלעכן אופן פארטאָן ווערן די אינסטרומענטן, רוי־וואַרג, מאטעריאלן, הייצוואַרג, עלעקטראָ־ענערגיע.

די פּארטיי־אָרגאניזאציעס דארפן פארשטיין, אז ס'איז צייט אנטשיידנדיק מאכן א סאָף צו אזא ביז גאָר שעדלעכער פּראקטיק, ווען א היפּש ביסל ווערקשטעלן און אנדערע אויסשטאטונג שטייט אין די אונטערנעמונגען און אף די אייזנבאנען ליידיק, און צומאָל ליגט עס פּאָשעט אין די סקלאדן, ווען דעפיציטע קוואליפיצירטע אויסשטאטונג, קאָמפּליצירטע פּראָדוציר־אגרעגאטן, גרויסע ווערקשטעלן ווערן אויסגענוצט ניט דערוף, אף וואָס מע דארף זיי אויסנוצן, אָדער ניט מיט דער פולער אָנלאָדונג און ווען רוי־וואַרג, מאטעריאלן, הייצוואַרג און עלעקטראָענערגיע ווערן אויסגענוצט פארשווענדעריש.

5. עס איז אומבאדינגט נייטיק, ווייטער, זיך דערשלאָגן, אז אין די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און אפן טראנספּאָרט זאָלן אלע מאטעריעלע

ווערטנ אופגעהאלטנ ווערנ גאנצערהייט אונ אינ א גוטנ צושטאנד, אז די אָנפירער פונ די אונטערנעמונגענ זאָלנ היטנ דאָס מעלוכישע פארמעגנ, וואָס איז זיי אָנגעטרויט געוואָרנ: די געביידעס, די אויסשטאטונג, די אינסטרומענטנ, די מאטעריאלנ.

מע דארפ טייקעפ מאכנ א סאָפ צו אזא נאכלעסיקער אונ ניט=ווירטשאפטלעכער באציִונג צומ פאָלקס=אייגנס, ווענ אויסשטאטונג, רויווארג, מאטעריאלנ, אינסטרומענטנ, אינ וועלכע עס נייטיקט זיכ אזוי שטארק אונדזער אינדוסטריע, וואלגערנ זיכ ארומ ווו עס מאכט זיכ, ווערנ אָפט איבערגעפירט, זשאווערנ, ווערנ קאליע, ווענ מאכמעס דעמ ניט=רעכטצייטיקנ אונ שלעכטנ רעמאָנט פונ דער אויסשטאטונג, פונ די געביידעס אונ אינסטאליאציעס, פונ די וואגאָנעס אונ לאָקאָמאָטיוונ אפ די אייזנבאנענ ווערנ זיי פאר דער צייט צעשטערט אונ צעבראָכנ.

6. עס איז אומבאדינגט נייטיק, ווייטער, מאכנ א סאָפ צו דער פראקטיק, וואָס האָט זיכ איינגעשטעלט אינ פיל אונטערנעמונגענ אונ אייזנבאנענ, — דער פראקטיק פונ פארקויפנ אזויגערופענע דעמאָנטירטע אונ איבעריקע אויסשטאטונג אונ מאטעריאלנ, וואָס דאָס איז דאָס זעלבע, וואָס צעשלעפנ סאָציִאליסטיש אייגנטומ.

די פארטיי=אָרגאניזאציעס זיינענ מעכויעוו צו זיכערנ דעמ קאָנטראָל איבער דעמ, אז עס זאָל אפנ שטרענגסטנ אויפנ דורכגעפירט ווערנ אינ לעבנ דער אוקאז פונעמ פרעזידיומ פונעמ אויבער=ראט פונ פססר פונ 10 פעוראל 1941 יאָר „וועגנ פארווערנ צו פארקויפנ, בייטנ אונ ארויסגעבנ אָנ א זייט אויסשטאטונג אונ מאטעריאלנ אונ וועגנ דער געריכטלעכער פאראנטוואָרטלעכקייט פאר די דאָזיקע אומגעזעצלעכע האנדלונגענ“.

7. עס איז אומבאדינגט נייטיק, ווייטער, איינפירנ אונ טאָגטעגלעכ אָפהיטנ ריינקייט אונ עלעמענטארע אָרדענונג אינ די אונטערנעמונגענ אונ אפ די אייזנבאנענ.

די פארטיי=אָרגאניזאציעס זיינענ מעכויעוו טייקעפ לייזנ די אופגאבע פונ אָפהיטנ ריינקייט אונ אָרדענונג אינ די אונטערנעמונגענ אלס אנ אופגאבע, וואָס קאָנ בעשומ אויפנ ניט אָפגעלייגט ווערנ. אָנ ריינקייט אונ אָרדענונג איז ניט מעגלעכ קיינ נאָרמאלע ארבעט פונ א מאָדערנער אונטערנעמונג. דאָרט, ווו עס איז פאראנ שמוץ, דאָרט איז אומפארמיידלעכ צעקראָכנקייט, צעפאָרנקייט

פונ דיסציפלינ, צעשרויפטקײט אונ אומאָרדענונג אפנ זאוואָד, אפ דער פאבריק, אפ דער אײַזנבאנ. אָנ עלעמענטארער קולטור אינ דער פראָדוקציע קאָנ מענ ניט זיכערנ דעמ ווײַטערדיקנ אופשטײַג פונ אונדזער אינדוסטריע אונ טראנספאָרט.

8. עס איז אומבאדינגט נייטיק, ווײַטער, מאכנ א סאָפ צו דער פלאנלאָזיקײַט, צומ ניט גלײַכמעסיקנ ארויסלאָזנ פראָדוקציע, צו דער שטורמאָווישטשינע אינ דער ארבעט פונ די אונטערנעמונגענ, זיכ דערשלאָגנ, אז יעדער זאוואָד, פאבריק, שאכטע, אײַזנבאנ זאָל טאָגטעגלעכ אויספילנ די פראָדוציר=פראָגראמ לויט א באצײַטנס פאנאנדערגעארבעטנ גראפיק.

די פארטיי=אָרגאניזאציעס דארפנ פארשטײנ, אז דער ניט גלײַכמעסיקער ארויסלאָז פונ פארטיקער פראָדוקציע שאפט ניט קײנ ריכטיקנ ארבעט=רעזשימ אינ דער אונטערנעמונג, ברענגט דערצו, אז עס שטײט ליידיק די אויסשטאטונג, די ארבעט=קראפט, אז די פראָדוציר=מעכטיקײטנ ווערנ אויסגענוצט ניט אינ דער פולער מאָס, אז עס פארגרעסערט זיכ דער בראק, אז עס באקומענ זיכ אומפראָדוקטיווע הוצאָעס אפ איבערשאָענ. אזא פאלשער רעזשימ האלט די אונטערנעמונג אינ א פיבערהאפטנ צושטאנד, אונ עס הראָעט קעסיידער די געפאר, אז עס זאָל דאָרט אראָפגעריסנ ווערנ די אויספילונג פונעמ מעלוכע=פלאנ.

9. עס איז אומבאדינגט נייטיק, ווײַטער, זיכ דערשלאָגנ, אז אינ אונדזערע אונטערנעמונגענ זאָל אָפגעהיט ווערנ די שטרענגסטע דיסציפלינ אינעמ טעכנאָלאָגישנ פראָצעס, אײַנפירנ אינ אלע אונטערנעמונגענ פינקטלעכע אינסטרוקציעס פונ די טעכנאָלאָגישע פראָצעסנ, אײַנשטעלנ א קאָנטראָל איבער דעמ, ווי מע האלט זיכ בא זײ, אונ זיכערנ, אזוי ארומ, דעמ ארויסלאָז פונ הויכקוואליטאטיווער אונ קאָמפלעקטער פראָדוקציע, וועלכע זאָל פולשטענדיק אנטשפרעכנ די אײַנגעשטעלטע סטאנדארטנ.

שוינ צײַט, אז די פארטיי=אָרגאניזאציעס, די טוער פונ די אונטערנעמונגענ, פונ די פאָלקאָמאטנ זאָלנ פארשטײנ, אז די נײַע פינקטלעכע מעכאניזמענ, מיט וועלכע עס זײַנענ אויסגעשטאט אונדזערע אונטערנעמונגענ, פאָדערנ, אז אינ דער פראָדוקציע זאָל הערשנ א שטרענגע אָרדענונג, אז מע זאָל פינקטלעכ אויספילנ די טעכנישע קלאָלימ אונ אינסטרוקציעס אונ אז איצט קאָנ מענ שוינ ניט ארבעטנ אפ אנ אלטפרענקישנ אויפנ, קוימ געריכט זיכ, ווי=ניט=איז אונ ווי עס מאכט זיכ.

די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס זײַנען מעכויעוו צו זיכערנ, אַז עס זאָל אַפנ שטרענגסטנ אויפנ דורכגעפירט ווערנ אינ לעבנ דער אוקאַז פונעמ פּרעזידיומ פונעמ אויבער־ראַט פונ פּססר פונ 10 יול 1940 יאָר „וועגנ דער פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פאַר אַרויסלאָזנ שלעכטע אָדער ניט קיינ קאָמפּלעקטע פּראָדוק־ציע אונ פאַר ניט אָפּהיטנ די אָבליגאַטאָרישע סטאַנדאַרטנ דורכ די אינדוסט־ריעלע אונטערנעמונגענ“.

10. עס איז אומבאַדינגט נייטיק, ווײַטער, צו שענקענ אַ באַזונדערע אויפ־מערקזאַמקייט די פראַגנ פונ נײַער טעכניק, מע דאַרפ אָנ אויפהער אַרבעטנ איבערנ פאַרפולקומענ די טעכניק, איבערנ באַהערשנ די פּראָדוקציע פונ נײַע מאַשינעס, מאַטעריאַלנ אונ פאַבריקאַטנ.

די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, די טוער פונ דער אינדוסטריע אונ פונעמ טראַנספּאָרט דאַרפנ זענ אויסנוצנ אינ דער פולער מאָס די קאָלאָסאַלע מעג־לעכקייטנ פונ דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג, קעדיי צו אַנטוויקלענ דעמ טעכ־נישנ געדאַנק אונ קעדיי וואָס שנעלער אײַנצופלאַנצנ אינ דער פּראָדוקציע די נײַע דערגרייכונגענ פונ דער טעכניק.

עס איז אומבאַדינגט נייטיק מאַכנ אַ סאָפ צו דער עקיסטישער, אינ טאָכ אָפּאָרטוניסטישער באַציונג צו נײַער טעכניק מיצאַד אַ טייל אָנפירער פונ די אונטערנעמונגענ, ווײַל אַזאַ קאָנסערוואַטיזמ שטערט דער ווײַטערדיקער אַנט־וויקלונג פונ דער פּראָדוקציע, פאַרורטיילט די אונטערנעמונגענ צו אָפּגעשטאַ־נענקייט אונ פאַרגליווערטקייט, רײַסט אַרונטער די שוץ־מעכטיקייט פונעמ לאַנד.

11. עס איז אומבאַדינגט נייטיק, ווײַטער, סיסטעמאַטיש אַראָפּזעצנ דעמ קערנקאָסט פונ דער פּראָדוקציע, אַלמעגלעכ פאַרפעסטיקנ די ווירטשאַפט־לעכע אויסרעכענונג, אַנטשיידנ אויסקאָרטשעווענ די פאַרשווענדערישקייט.

קעדיי ריכטיק אָנצופירנ מיט דער אַרבעט פונ דער אונטערנעמונג, מוז מענ וויסנ די פּאַקטישע הויצאָעס אַפ אַנ אויסאַרבעטונג־אייניס לויט די גרונט־עלעמענטנ פונעמ קערנקאָסט — דער אַרבעטלוינ, דער באַטרעפ פונעמ רוי־וואַרג, הייצוואַרג אונ עלעקטראָענערגיע, די אַמאָרטיזאַציע־הויצאָעס, די אַדמי־ניסטראַטיוו־פאַרוואַלטערישע הויצאָעס, אונ ריכטנ די עקאָנאָמישע זײַט פונ דער טעטיקייט פונ דער אונטערנעמונג אַזוי, אַז די פלענער פונעמ קערנקאָסט אונ פונ די רעוואָכימ זאָלנ אומבאַדינגט אויסגעפילט ווערנ.

12. עס איז אומבאדינגט נייטיק, ווײַטער, אינ געביט פונ ארבעטלוינ שטרענג און קאנסעקווענט דורכצופירנ דעמ פרינציפ פונ מאטעריעלנ סטימולירנ די, וואס ארבעטנ גוט, דעמ פרינציפ, וועלכער ווערט פארווירקלעכט אינ דער פארמ פונ שטיק=ארבעט פאר די ארבעטער, פרעמיאלער סיסטעמ פאר די אנפירנדיקע טוער און אינ דער פארמ פונ באצאלנ מער פאר קוואליפיצירטער ארבעט אינ פארגלײַכ מיט ניט=קוואליפיצירטער.

עס איז אומבאדינגט נייטיק פולשטענדיק צו ליקווידירנ די פוילע פראקטיק פונ אויסגלײַכערײַ אינ געביט פונ ארבעטלוינ און דערשלאגנ זיכ, אז די שטיק=ארבעט און די פרעמיאלע סיסטעמ זאלנ אינ א נאכ גרעסערער מאס ווערנ וויכטיקסטע הייבערס אינ פראט פונ העכערנ די ארבעט=פראדוקטיוויטעט און, הייסט עס, אויכ אינ פראט פונ אנטוויקלענ אונדזער גאנצע פאלקסווירטשאפט.

13. עס איז אומבאדינגט נייטיק, ווײַטער, פולשטענדיק צו ליקווידירנ די פראגולנ.

דאס דורכפירנ אינ לעבנ דעמ אוקאז פונעמ פרעזידיומ פונעמ אויבער=ראט פונ ססר פונ 26 יונ 1940 יאר „וועגנ אריבערגיינ צו אנ אכטשאעיקנ ארבעט=טאג, צו א זיבנטאגיקער ארבעט=וואכ און וועגנ פארווערנ די ארבעטער און אנגעשטעלטע אייגנוויליק אוועקגיינ פונ די אונטערנעמונגענ און אנשטאלטנ" האט באדײַטנדיק פארבעסערט דעמ צושטאנד פונ דער ארבעט=דיסציפלינ אינ די אונטערנעמונגענ. דאכ זײַנענ אינ פיל פאבריקנ, זאוואדנ, ארצגרובנ, שאכטעס, אײַזנבאנענ ווײַט ניט ליקווידירט די פראגולנ און דאס אייגנוויליקע אוועקגיינ פונ דער אונטערנעמונג.

די פארטיי=ארגאניזאציעס, די פראפאריינענ, די טוער פונ דער אינדוסטריע און פונעמ טראנספארט זײַנענ מעכויעוו צו פירנ אנ אומדערמידלעכע ארבעט אפ צו פארפעסטיקנ די ארבעט=דיסציפלינ אינ דער אינדוסטריע און אפנ טראנספארט, געדענקענדיק אנ דעמ, אז די אויפגאבע צו קעמפנ קעגנ דער פליסעוודיקײַט פונ ארבעטס=קראפט און קעגנ די פראגולנ איז ניט קיינ קורצווײַליקע קאמפאניע, נאר פאדערט א טאגטעגלעכע ארבעט אינ די מאסנ.

14. עס איז אומבאדינגט נייטיק, ווײַטער, אנטשיידנדיק צו פארפעסטיקנ די איינפערזאניקײַט אינ די אונטערנעמונגענ און זיכ דערשלאגנ, אז דער דירעקטאר פונ דער אונטערנעמונג זאל ווערנ פאקטיש דער פולמעכטיקער אנ=

פירער, וואָס טראָגט די פולשטענדיקע פאראנטוואָרטלעכקײט פארנ צושטאנד פונ דער אונטערנעמונג אונ פאר דער אָרדענונג אינ דער פראָדוקציע.

15. עס איז אומבאדינגט נײטיק, װײַטער, אַלמעגלעכ צו פארפעסטיקנ אינ די אונטערנעמונגענ די טעכנישע אָנפירונג מיט דער פראָדוקציע.

עס איז אומבאדינגט נײטיק צו שיקנ אינ די אונטערנעמונגענ, אינ די צעכנ, אינ די שאכטעס אפ אונטערערדישער ארבעט א טײל אינזשעניערנ אונ טעכניקער, וואָס ארבעטנ אינ די צענטראלע אונ אָרטיקע ווירטשאפטלעכע אנשטאלטנ אונ אינ די אפאראטנ פונ די זאוואָד-פארוואלטונגענ אונ שאכטע-פארוואלטונגענ.

16. עס איז אומבאדינגט נײטיק אופצוהײבנ אינ די אונטערנעמונגענ די ראָליע פונעמ מײַסטער אלס דירעקטנ אָרגאניזאטאָר פונ דער פראָדוקציע אונ אויסשטעלנ די ארבעט אזוי, אז אפ דעמ באצירק פונ דער פראָדוקציע, וועלכנ מע האָט אימ אָנגעטרויט, זאָל דער מײַסטער זײַנ א פולבארעכטיקטער, אָנפירער, וואָס זאָל טראָגנ די פולע פאראנטוואָרטלעכקײט פארנ אָפהיטנ די טעכנאָלאָגישע דיסציפלינ אונ פארנ אויספילנ די פראָדוציר-אופגעבונג לויט אלע צײַגער.

17. בענעגײע די יונגע ספעציאליסטנ, וועלכע ענדיקנ די הויכשולנ, מוז מענ אײַנשטעלנ אזא אָרדענונג, אז יעדער אײנער, וואָס האָט געענדיקט א הויכשול, זאָל באקומענ א פראָדוציר-דערפארונג אינ אנ אונטערנעמונג, זאָל אָבליגאטאָריש דורכמאכנ א סטאזש פונ פראקטישער ארבעט — אלס געהילפ-מײַסטער, מײַסטער, אינזשעניער אינ צעכ.

.IV

די אָרגאניזאציאָנעלע אופגאבנ פונ די פארטײ-אָרגאניזאציעס אינ געביט פונ דער אינדוסטריע אונ פונעמ טראנספּאָרט.

וואָסערע מיטלענ דארפ מענ אָנעמענ לויט דער ליניע פונ די אָרגאניזאציאָנעלע אופגאבנ פונ די פארטײ-אָרגאניזאציעס, כדי צו ליקווידירנ די כעסרוינעס אינ דער ארבעט פונ דער אינדוסטריע אונ פונעמ טראנספּאָרט?

1. קעדײ צו געבנ גרעסערע הילפ די פאָלקאָמאטנ אונ אונטערנעמונגענ פונ דער אינדוסטריע אונ פונעמ טראנספּאָרט, מוז מענ אינ די שטעט,

געגנטן, קאַנטן און רעפובליקן מיט אַן אַנטוויקלטער אינדוסטריע האָבן אין די שטאָטקאָמען, געגנטקאָמען, קאַנטקאָמען, צק פון די קאָמפּאַרטייען פון די פאַרבאַנדישע רעפובליקן ניט איינעם, נאָר עטלעכע סעקרעטאַרן פאַר אינדוסטריע, אַנטשפּרעכיק צו די גרונט-צווײַגן פון דער אינדוסטריע, וואָס זײַנען פאַראַן אין דער שטאָט, געגנט, קאַנט, רעפובליק, און דאָרט, ווו דאָס איז נייטיק, מוז מען אויך האָבן אַ סעקרעטאַר פאַר אײַזנבאַן-טראַנספּאָרט און אַ סעקרעטאַר פאַר וואַסער-טראַנספּאָרט.

די סעקרעטאַרן פאַר אינדוסטריע און פאַר טראַנספּאָרט זײַנען מחויבֿ צו וויסן גוט, וואָס עס טוט זיך אין די אונטערנעמונגען, רעגולער באַזוכן זיי, זיי דאַרפן זײַן פּערזענלעך פאַרבונדן מיט די טוער פון די אונטערנעמונגען מיט די אַנטשפּרעכיקע פּאָלקאָמען, זיי דאַרפן זיי העלפן אינעם אויספילן די פּלענער און די באַשלוסן פון דער פּאַרטיי אין געביט פון דער אינדוסטריע און פונעם טראַנספּאָרט, סיסטעמאַטיש קאָנטראָלירן, וויאַזוי עס ווערן אויסגעפילט די דאָזיקע באַשלוסן, אויפדעקן די חסרונות אין דער אַרבעט פון די אונטערנעמונגען און זיך זען דערשלאָגן, אַז די דאָזיקע חסרונות זאָלן ליקווידירט ווערן.

2. די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס זײַנען מחויבֿ דערלערנען און גוט קענען די אָנפירנדיקע ווירטשאַפטלעכע און אינזשעניער-טעכנישע טוער פון די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און אײַזנבאַנען.

עס איז אומבאַדינגט נייטיק דרייסט אַרויסרוקן אויף אָנפירנדיקע פּאָסטנס אין די זאַוואָדן, פאַבריקן, אויף די אײַזנבאַנען פעיִקע און איניציאַטיוופולע טוער, גוטע אָרגאַניזאַטאָרן, באַזונדערס פון צווישן די אינזשעניערן, קענער פון זייער פאַך.

עס איז אומבאַדינגט נייטיק אַרויסרוקן ניט נאָר פּאַרטייִשע, נאָר אויך ניט-פּאַרטייִשע באָלשעוויקעס, געדענקענדיק, אַז צווישן די אומפּאַרטייִשע זײַנען פאַראַן אַ סך פעיִקע און ערנסטלעכע טוער, וואָס כאָטש זיי זײַנען ניט קיין פּאַרטיי-מיטגלידער און האָבן ניט קיין סטאַזש, נאָר אַרבעטן זיי אָפטמאָל בעסער, געוויסנהאַפטער, איידער אייניקע קאָמוניסטן מיט אַ סטאַזש.

די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס זײַנען מחויבֿ רעכטצײַטיק צו שטעלן די פראַגע וועגן פאַרבײַטן שלעכטע און שוואַכע טוער, וועגן פאַרבײַטן די

ווילנלאָזע טוער, די טוער, וואָס זיינענ ניט פייִק אָנצופירנ מיט דער אונטערנעמונג, מיט דער אייזנבאנ אונ צו מאכנ אָרדענונג אינ דער פראָדוקציע. פלוידערזעק, מענטשנ, וואָס זיינענ ניט פייִק צו קיינ לעבעדיקער ארבעט, דארפ מענ באפרייענ אונ שטעלנ אפ א קלענערער ארבעט, אומאפהענגיק דערפונ, צי זיינענ זיי פארטייִשע אָדער אומפארטייִשע.

3. עס איז אומבאדינגט נייטיק צו מאכנ א סאָפ צו דער לאגע, ווענ די פאָליטאָפטיילנ פונעמ אייזנבאנ- אונ וואסער-טראנספאָרט זיינענ אָפגעריסנ פונ די טעריטאָריעלע פארטיי-אָרגאניזאציעס. די פאָליטאָפטיילנ דארפנ זיינ באריכטפליכטיק פאר די געגנטקאָמענ, שטאָטקאָמענ פונ פארטיי.

די געגנטקאָמענ אונ שטאָטקאָמענ פונ פארטיי זיינענ מעכויעוו זיכ צודערשלאָגנ, אז אינ דער ארבעט פונ די פאָליטאָפטיילנ זאָלנ ליקווידירט ווערנ די קאנצעליארישע מעטאָדנ, אונ זענ צו פארוואנדלענ די פאָליטאָפטיילנ אינ קאמפס-אָרגאנענ פונ דער פארטיי, וואָס ווייטעקנ פאר דער ארבעט פונעמ טראנספאָרט אונ וואָס העלפנ אקטיוו אופצוהייבנ דעמ טראנספאָרט.

4. עס איז אומבאדינגט נייטיק אופצושטעלנ די באדייטונג פונ די פראָדוציר-ווירטשאפטלעכע אקטיוונ אינ די אונטערנעמונגענ אונ פאָלקאָמאטנ.

קעדיי וואָס בעסער אויסצונוצנ די דערפארונג פונ די אונטערשטע טוער, אינזשעניערנ, סטאכאנאָווצעס אונ קעדיי פאנאנדערצוּוויקלענ די קריטיק אונ זעלבסטקריטיק, איז אומבאדינגט נייטיק רעגולער צונויפצורופנ אקטיוונ אינעמ פאָלקאָמאט, אינ דער הויפטפארוואלטונג, אייזנבאנ, זאוואָד, שאכטע. די אקטיוונ דארפ מענ צונויפרופנ סיי צוציִענדיק צו זיי די טוער פונ פארשיידענע אינדוסטריע-צווייגנ סיי אינ באזונדערע צווייגנ פונ דער אינדוסטריע אונ פונעמ טראנספאָרט.

5. עס איז אומבאדינגט נייטיק אַלמעגלעכ צו אנטוויקלענ די סטאכאנאָווישע באוועגונג, ריכטנדיק די איניציאטיוו פונ די סטאכאנאָווצעס אפ צו העכערנ די ארבעט-פראָדוקטיווקייט, אפ צו לייזנ די וויכטיקסטע פראָדוציר-פראגנ, אפ אונטערצוציִענ די הינטערשטעליקע פראָדוציר-באצירקנ.

6. עס איז אומבאדינגט נייטיק צו מאכנ א סאָפ צו דער פאלשער פראקטיק, ווענ אינ א ריי אונטערנעמונגענ פירנ דורכ די פארטייִשע, פראָפא-

רייניִשע, קאָמיוניִשע און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין דער אַרבעט=צײַט פאַרזאַמלונגענ, זיצונגענ, באַראַטונגענ, דעזאָרגאַניזירנדיק דערמיט די נאָרמאַלע אַרבעט פונ די אונטערנעמונגענ.

עס איז אומבאַדינגט נייטיק קאַטעגאָריש צו פאַרווערנ די פאַרטייִשע, סאָוועטישע, פראָפאַרייניִשע, קאָמיוניִשע און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס:

א) צונויפרופנ אינ די אונטערנעמונגענ און אַנשטאַלטנ אינ דער אַרבעט=צײַט פאַרזאַמלונגענ, זיצונגענ און פאַרשיידענערליי באַראַטונגענ;

ב) אַרויסרופנ אינ דער אַרבעט=צײַט אַרבעטער און אָנגעשטעלטע;

ג) אַראָפנעמענ אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פונ די אונטערנעמונגענ און אַנשטאַלטנ אָפ צו שיקנ זיי דורכצופירנ לויפנדיקע קאַמפּאַניעס אָדער אינ קאָמאַנדירונגענ וועגנ שעפטום אאַז.;

ד) אָפציִענ אינ דער אַרבעט=צײַט אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פונ די אונטערנעמונגענ און אַנשטאַלטנ פונ זייער דירעקטער אַרבעט אָפ צו באַטייליקנ זיכ לויטנ אופטראָג פונ די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אינ רעוויזיר=קאָמיסיעס און בריגאַדעס.

מע מוז איינמאָל פאַר אַלעמאָל אײַנשטעלנ, אַז די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פונ די אונטערנעמונגענ און אַנשטאַלטנ פילנ אויס די אופטראָגנ פונ די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס בלויז אויסער דער אַרבעט=צײַט.

* * *

אונדזער אינדוסטריע איז געווענ און איז די באַזע פאַר דער אַנטוויקלונג פונ דער גאַנצער פאָלקסווירטשאַפט. די אינדוסטריע איז געווענ און איז דער אָנפירנדיקער יעסאָד אינ דער גאַנצער סיסטעמ פונ דער פאָלקסווירטשאַפט. די אינדוסטריע פירט פאָרויס אונדזער גאַנצע סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט, אײַנגעשלאָסנ די לאַנדווירטשאַפט און דעמ טראַנספּאָרט. די אינדוסטריע איז געווענ און איז די באַזע פונ דער שוצ=מעכטיקײַט פונעמ לאַנד. אינ דער הײַנטצײַטיקער צווישנפעלקערלעכער סיטואַציע שטייענ פאַר אונדזער אינדוסטריע, פאַר אַלע אירע צווײַגנ ביז גאָר פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבנ. זי דאַרפ אַרבעטנ אויסערגעוויינלעכ אָרגאַניזירט, מאַקסימאַל פּראָדוקטיוו. אויסגעשטאַט

פונדאָסנײַ אָפּ א נײַער מאָדערנער טעכנישער באזע, געזיכערט מיט אייגענע קוואלנ פונ אלע מינימ אינדוסטריעלנ רויווארג, קאָנ אונדזער אינדוסטריע אונ דארפ ארבעטנ באדײַטנדיק בעסער אונ געבנ פּראָדוקציע לויט אלע צווײַגנ פיל מער אונ פונ א פיל בעסערער קוואליטעט ווי איצט.

די ווירטשאפטלעכע אונ פּארטײַישע אָנפירער דארפנ פירנ די ארבעט אזוי, אז אינ 1941 יאָר זאָל אינ קיינ איינ געגנט, אינ קיינ איינ שטאָט אונ אינדוסטריעלנ צענטער ניט בלײַבנ קיינ איינ הינטערשטעליקע אונטערנעמונג. אינ אונדזער אינדוסטריע אונ אפנ טראנספּאָרט טאָרנ ניט זײַנ קיינ הינטער-שטעליקע אונטערנעמונגענ. אלע זאוואָדנ, פאבריקנ, שאכטעס, אײַזנבאנענ זײַ-נענ מעכויעוו אויסצופילנ דעם פּלאנ.

קעמפנ פאר אויספילנ דעם פּלאנ, זיכערנ די אויספילונג פונעמ פּלאנ, אר-בעטנ לויטנ פּלאנ — דאָס הייסט:

א) אויספילנ דעם יאָר-פּלאנ, קווארטל-פּלאנ אונ כוידעשלעכנ פּראָדוציר-פּלאנ ניט אינ דורכשניט, ווי דאָס איז געווענ ביז איצט, נאָר גלײַכמעסיק, לויט א פּלאנ, לויט א באצײַטנס פאנאנדערגעארבעטנ גראפיק פונ ארויסלאָזנ פארטיקע פּראָדוקציע;

ב) אויספילנ דעם פּלאנ ניט בלויז אינ דורכשניט לויטנ אינדוסטריע-צווײַג, ווי דאָס איז געווענ ביז איצט, נאָר אויספילנ אימ לויט יעדער אונטערנעמונג באזונדער;

ג) אויספילנ דעם פּלאנ ניט נאָר אינ דורכשניט לויט דער אונטערנעמונג, ווי דאָס איז געווענ ביז איצט, נאָר אויספילנ דעם פּלאנ טאָגטעגלעכ אינ יעדנ צעכ, אינ יעדער בריגאדע, אפ יעדנ ווערקשטעל, אינ יעדער וואכטע;

ד) אויספילנ דעם פּלאנ ניט בלויז לויט די צאָל-ציפער, נאָר אומבאדינגט אויכ לויט דער קוואליטעט, לויטנ קאָמפּלעקט אונ אסאָרטימענט, האלטנ זיכ דערבײַ בא די אײַנגעשטעלטע סטאנדארטנ אונ ניט אריבערשטײַגנ דעם קערנ-קאָסט, וועלכער איז אײַנגעשטעלט לויטנ פּלאנ.

גרויסע דערפאָלגנ האָט דערגרייכט אונדזער לאנד אינ דער עקאָנאָמישער אונ קולטורעלער בויונג. נאָר מע טאָר זיכ ניט גרויס האלטנ אונ ניט בארויִקנ זיכ אפ די דערגרייכטע דערפאָלגנ. די גרעסטע געפאר איז בלײַבנ רוענ אפ די לאָרבער-קרענצ אונ זיכ באפרידיקנ דערמיט, וואָס איז שוינ דערגרייכט גע-וואָרנ. דאָס וואָלט געדראָעט מיט אומקומ אונדזער גאנצער ארבעט. מיר האָבנ

נאָכ א סאכ גרויסע כעסרוינעס. טאָלעראנטע באציִונג צו די כעסרוינעס אינ
דער ארבעט פונ דער אינדוסטריע אונ פונעמ טראנספּאָרט איז אויסערגעוויינ=
לעכ געפערלעכ אונ שעדלעכ.

די XVIII אלפארבאנדישע קאָנפערענצ פונ דער אלקפּ(ב) דריקט אויס
איר זיכערקײט דערינ, אז אונדזערע פארטיי=אָרגאניזאציעס אונ אלע אָנפירנ=
דיקע טוער פונ דער אינדוסטריע אונ פונעמ טראנספּאָרט וועלנ מיט דער גאנ=
צער באָלשעוויסטישער אקשאָנעס טייקעפ זיכ נעמענ צומ ליקווידירנ די כעס=
רוינעס אינ דער ארבעט פונ דער אינדוסטריע אונ פונעמ טראנספּאָרט, וועלנ
אפּ א ראדיקאלנ אויפנ פארבעסערנ זייער ארבעט אינ דעמ דאָזיקנ געביט, אונ
אפנ יעסאָד פונ אויספילנ די באשלוסנ פונ דער XVIII קאָנפערענצ וועלנ זיי
מאָביליזירנ די גאנצע מאסע ארבעטער, אָנגעשטעלטע, אינזשעניערנ אונ טעכ=
ניקער ארומ די דאָזיקע באשלוסנ אונ וועלנ שוינ אינ דער נאָענטסטער צײַט
זיכ דערשלאָגנ צו נײַע, אנטשיידנדיקע זיגנ פונ דער סאָציאליסטישער אינ=
דוסטריע אונ פונעמ סאָציאליסטישנ טראנספּאָרט.

די ווירטשאפטלעכע סאכאקלענ פונ 1940 יאָר אונ דער פלאנ פונ אנטוויקלענ די פאָלקסווירטשאפט פונ פססר אינ 1941 יאָר.

רעזאָליוציע איבערנ פאָרטראָג פונעמ כאווער וואָזנעסענסקי, אָנגענומענ אפ דער XVIII אלפארבאנדישער קאָנפערענצ פונ דער אלקפ(ב).

I.

סאכאקלענ פונ 1940 יאָר.

די XVIII אלפארבאנדישע קאָנפערענצ פונ דער אלקפ(ב) פארצייכנט, אז אינ 1940 יאָר האָט די פאָלקסווירטשאפט פונ פססר געמאכט א באדייטנדיקנ שריט פאָרויס אינ פראט פונ לייזנ די אופגאבנ, וואָס עס האָט געשטעלט דער דריטער פינפיאָריקער פלאנ, וועלכנ עס האָט אָנגענומענ דער XVIII צוזאמענפאָר פונ דער אלקפ(ב).

די פראָדוקציע פונ דער אינדוסטריע פונ פססר איז אינ מעשעכ פונ די דריי יאָר פונעמ דריטנ פינפיאָר אויסגעוואקסנ פונ 95,5 מיליארד רובל אינ 1937 יאָר ביז 137,5 מיליארד אינ 1940 יאָר, אָדער אפ 44%, דערונטער איז די פראָדוקציע פונ דער מאשינבויונג אונ פונ דער מעטאל־באארבעטונג אויסגעוואקסנ אפ 76%.

אינ 1940 יאָר איז די אינדוסטריעלע פראָדוקציע פונ פססר, ניט געקוקט אפ די קריגס־אָפעראציעס, וואָס זיינענ פאָרגעזעצט געוואָרנ אינ אָנהייב יאָר, אויסגעוואקסנ אפ 11%, אָדער אפ 13,6 מיליארד רובל, לעגאבע דעמ 1939 יאָר, דערונטער די פראָדוקציע פונ מאשינבויונג אונ מעטאל־באארבעטונג — אפ 19%. די וווקס־טעמפנ פונ דער אינדוסטריעלער פראָדוקציע זיינענ געשטיגנ פונ כוידעש צו כוידעש אינ מעשעכ פונעמ גאנצנ 1940 יאָר.

די פּראָדוקציע פון פּראָדוציר־מיטלען איז אין 1940 יאָר אויסגעוואקסן אַף 13,8% לעגאבע דעם 1939 יאָר און אַף 52% לעגאבע דעם 1937 יאָר. די פּראָדוקציע פון געברויכ־מיטלען איז אין 1940 יאָר אויסגעוואקסן אַף 7% לעגאבע דעם 1939 יאָר און אַף 33% לעגאבע דעם 1937 יאָר.

די שווארצע מעטאַלורגיע האָט פון דער צווייטער העלפט 1940 יאָר אָנ־געהויבן באדײַטנדיק פארבעסערן איר ארבעט און האָט צום סאָף 1940 יאָר דערגרייכט צו 46—47 טויזנט טאָן דורכשניטלעכע מעטלעס־אויסשמעלצונג פון טשוהון לעגאבע 40 טויזנט טאָן סאָף 1937 יאָר און 58—59 טויזנט טאָן שטאָל לעגאבע 50—51 טויזנט טאָן.

עס האָט פארבעסערט די ארבעט אויך די קאָלירטע מעטאַלורגיע. די אויס־שמעלצונג פון אַליומיני איז אין 1940 יאָר אויסגעוואקסן לעגאבע דעם 1937 יאָר אַף 59%, פון קופּער — אַף 65%, פון ניקל — אַף 280% און פון ציג — אַף 300%.

די פארגרעסערונג פון דער מעטאַל־פּראָדוקציע שטייט נאָך פונדעסטוועגן אָפּ פון די אויפגעבונגען פונעם דריטן פינפיאָריקן פּלאַן און זיכערט נאָך ניט די וואקסנדיקע באדערפענישן פון דער פאָלקסווירטשאַפט פון פססר.

עס איז אויסגעוואקסן, באזונדערס פאר דער צווייטער העלפט 1940 יאָר, די קוילן־אינדוסטריע פון פססר. דער צוּוואוקס פונעם קוילן־ארויסבאַקום פארן יאָר האָט באטראָפן 13%, אָדער קימאט 19 מיליאָן טאָן, לעגאבע דעם ניוואָ פון 1939 יאָר. זינט דער צווייטער העלפט 1940 יאָר האָט אָנגעהויבן בעסער צו ארבעטן די נאַפט־אינדוסטריע, דערבײַ איז צום סאָף יאָר דער דורכשניטלע־כער מעטלעסיקער ארויסבאַקום געשטיגן ביז 97—98 טויזנט טאָן לעגאבע 84—86 טויזנט טאָן סאָף 1937 יאָר. דאָך איז נאָך ניט ליקווידירט די הינ־טערשטעליקײַט פון דער נאַפט־אינדוסטריע אין פארגלײַך מיט די אויפגעבונגען פונעם דריטן פינפיאָר.

די מאַסמיטלען, וואָס דער צק אלקפּ(ב) און דער ראטפאָלקאָם פון פססר האָבן דורכגעפירט אַף צו פארפעסטיקן די ארבעט־דיסציפּלין און פארלענגערן די ארבעט־צײַט אין די אונטערנעמונגען און אנשטאַלטן, האָבן געבראכט צום ווײַטערדיקן וווּקס פון דער ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט און האָבן געשאפן באדינ־גונגען פאר א נײַעם אופשטײַג פון דער אינדוסטריע. די מעגלעכקײַטן פארן וווּקס פון דער ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט און פאר דער פארגרעסערונג פון דער

פּראָדוקציע זײַנענ נאָכ אָבער װײַט ניט גענוג אױסגענוצט דורכ א רײ אינדוסטריע=צװײַגנ, באַזונדערס דורכ דער װאַלד=אינדוסטריע אונ דורכ דער אינדוסטריע פונ בױ=מאַטעריאַלנ, װאָס האָבנ היפּש ניט דערגעבנ צומ פּלאַנ פונ 1940 יאָר אונ זײַנענ הינטערשטעליקע אינדוסטריע=צװײַגנ.

אינ מעשעכ פונ 1940 יאָר זײַנענ די אײַזנבאַנ=טראַנספּאָרטירונגענ אױסגעװאַקסנ פונ 392 מיליאַרד טאָנ=קילאָמעטער אינ 1939 יאָר ביז 409 מיליאַרד טאָנ=קילאָמעטער אינ 1940 יאָר. די טײַכ=טראַנספּאָרטירונגענ האָבנ זיכ פאַרגרעסערט ביז 36 מיליאַרד טאָנ=קילאָמעטער לעגאַבע 33 מיליאַרד טאָנ=קילאָמעטער אינ 1937 יאָר אונ 34,6 מיליאַרד טאָנ=קילאָמעטער אינ 1939 יאָר. אינ דער אַרבעט פונעמ אײַזנבאַנ=טראַנספּאָרט זײַנענ נאָכ אָבער דאָ ערנסטע דעפעקטנ: עס זײַנענ נאָכ פאַראַנ אומראַציאָנעלע טראַנספּאָרטירונגענ, װאָס באַלאָדנ דעמ טראַנספּאָרט, עס זײַנענ ניט ליקװידירט די שמאָלע ערטער אינ דער דורכלאָזפײַקײַט פונ א רײ קנופּנ אונ ריכטונגענ.

עס איז אױסגעװאַקסנ די ברוטאָ=פּראָדוקציע פונ טװוּע, צוקער=בורעקעס, זונרױזנ, קאַרטאָפל אונ גרינװאַרג. די פּראָדוקציע פונ קערנער=קולטורנ איז פּססר האָט אינ 1940 יאָר באַטראָפנ בא 7,3 מיליאַרד פוד.

אינ 1940 יאָר איז אױסגעװאַקסנ די צאָל פי אינ די קאָלװירטנ — די צאָל גרױס האָרנפי — אפּ 12%, כאַזײרימ — אפּ 15%, שעפּסנ — אפּ 25% אינ ציגנ — אפּ 34%. די געזעלשאַפטלעכע קאָלװירטישע פיצוכט העכערט פעסט איר כײלעק אינ דער גאַנצער צאָל פי אינעמ לאַנד.

עס װאַקסט דער מאַטעריעלער אונ קולטורעלער ניװאָ פונ די אַרבעטנדיקע פונ פּססר. דער אַרבעטלױנ=פאָנד פונ די אַרבעטער אונ אָנגעשטעלטע אינ פּססר האָט זיכ פאַרגרעסערט אינ 1940 יאָר ביז 123,7 מיליאַרד רובל לעגאַבע 82,2 מיליאַרד רובל אינ 1937 יאָר אונ 116,5 מיליאַרד רובל אינ 1939 יאָר. עס האָבנ זיכ פאַרגרעסערט די געזעלשאַפטלעכע האַכנאָסעס פונ די קאָלװירטנ אונ די פּערזענלעכע האַכנאָסעס פונ די קאָלװירטניקעס.

די גרײס פונ די קאַפּיטאַלע אינװעסטיציעס אינ דער בױונג פונ נײַע אונטערנעמונגענ האָט אינ 1940 יאָר באַטראָפנ קימאַט 38 מיליאַרד רובל (דערונטער בא 6 מיליאַרד רובל ניט צענטראַליזירטע קאַפּיטאַלע אינװעסטיציעס), ארומ אונ ארומ פאַר די דרײַ יאָר פונעמ דריטנ פינפיאָר — 108 מיליאַרד רובל (דערונטער 17,5 מיליאַרד רובל ניט צענטראַליזירטע קאַפּיטאַלע אינ=

וועסטיציעס). אינ מעשעכ פונ אָט די דריי יאָר זיינענ אינ דער מעלוכישער אינדוסטריע געלאָזט געוואָרנ אינ עקספלואַטאַציע הונדערטער פאַבריקנ, זאַוואָדנ, שאַכטעס, עלעקטראָסטאַנציעס אונ אַנדערע אונטערנעמונגענ, אונ אַלס רעזולטאַט דערפונ האָבנ אָנגעהויבנ פונקציאָנירנ נייע שאַכטעס מיט א מעכטיקייט פונ 51 מיליאָנ טאָנ קוילנ-אַרויסבאַקומ, עלעקטראָסטאַנציעס מיט א מעכטיקייט פונ אַנ ערעכ 2.400 טויזנט קילאָוואַט, דאָמנע-אויוונס מיט א מעכטיקייט פונ 2.900 טויזנט טאָנ טשוהונ, באַ 1 מיליאָנ באַוול-שפינדלענ.

.II

דערווירטשאַפט־פּלאַנ אַפנ 1941 יאָר.

די XVIII אַלפאַרבאַנדישע קאָנפערענצ פונ דער אַלקפ(ב) האַלט, אַז די וויכטיקסטע ווירטשאַפטלעכע אויפגאַבע פונ 1941 יאָר איז דער ווייטערדיקער וווּקס פונ די גרונט-צווייגנ פונ דער אינדוסטריע אונ פונ דער גאַנצער פאָלקס-ווירטשאַפט — מעטאַלורגיע, מאַשינבויונג, לאַנדווירטשאַפט, טראַנספּאָרט. באַזונדערס נייטיק איז דער ווייטערדיקער וווּקס פונ דער פּראָדוקציע פונ טשוהונ, שטאָל, קאָלירטע מעטאַלנ, קוילנ, נאַפט אונ די מאַקסימאַלע אַנטוויקלונג פונ אַלע מינימ מאַשינבויונג.

די XVIII אַלפאַרבאַנדישע קאָנפערענצ פונ דער אַלקפ(ב) באַוויליקט דעמ מעלוכע-פלאַנ פונ אַנטוויקלענ די פאָלקסווירטשאַפט פונ פססר אינ 1941 יאָר, וועלכנ עס האָבנ אָנגענומענ דער צק אַלקפ(ב) אונ דער ראַטפאָלקאָמ פססר, אונ לייגט פאָר די פּאַרטייִשע, סאָוועטישע אונ ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס קאָנצענטרירנ זייער אויפמערקזאַמקייט אונ קויכעס אַפ לייזנ פאָלגנדיקע ווירטשאַפטלעכע אויפגאַבנ פונ 1941 יאָר:

1. דערפירנ דעמ אַרויסלאָז פונ דער ברוטאָ-פּראָדוקציע פונ דער אינדוסטריע פונ פססר ביז 162 מיליאַרד רובל מיט א וווּקס אַפ 17%—18% לעגאַבע דעמ ניוואָ פונ 1940 יאָר, דערונטער לויט דער גרופּע פּראָדוציר-מיטלענ— אַפ 23,5% אונ לויט דער גרופּע געברויכ-אַרטיקלענ אַפ 9%.

2. פאַרגרעסערנ די טשוהונ-פּראָדוקציע ביז 18 מיליאָנ טאָנ, די שטאָל-אויסשמעלצונג — ביז 22,4 מיליאָנ טאָנ אונ די וואַלצ-פּראָדוקציע — ביז 15,8 מיליאָנ טאָנ.

3. זיכערנ דעמ ארויסבאקומ פונ 191 מיליאָנ טאָנ קוילנ, פונ 38 מיליאָנ טאָנ נאפט מיט גאז און פונ 39 מיליאָנ טאָנ טאָרפ.

4. זיכערנ דעמ וווּקס פונ דער פּראָדוקציע פונ מאשינבויונג לעגאבע דעמ 1940 יאָר אפ 26%.

5. זיכערנ דעמ צוּוווּקס פונ די מעכטיקײטנ פונ די עלעקטראָסטאנציעס אפ 1,75 מיליאָנ קילאָוואט.

6. פארגרעסערנ די מעכטיקײטנ פונ דער באוול־אינדוסטריע אפ 850 טויזנט שפּינדלענ.

7. פארגרעסערנ די ברוטאָ־פּראָדוקציע פונ קערנער־קולטורנ אפ 8%.

8. זיכערנ אפ די אײַזנבאנענ די דורכשניטלעכע מעסלעס־אָנלאָדונג פונ 103 טויזנט וואגאָנ. בײַקומענ די לאגע, בא וועלכער די אנטוויקלונג פונ די טראנספּאָרטירונגענ פונעמ וואסער־טראנספּאָרט שטייט אָפּ פונ די באדערפע־נישנ פונ דער פאָלקסווירטשאפט.

9. פארגרעסערנ דעמ לאאכאָדימדיקנ סכוירע־אומזאצ פונעמ מעלוכישנ און קאָאָפּעראטיווונ האנדל ביז 197 מיליארד רובל.

10. פארגרעסערנ די ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט אינ דער אינדוסטריע און אינ דער בויונג אפ 12%.

11. אראָפּזעצנ דעמ קערנקאָסט פונ דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע אפ 3,7% און זיכערנ אפ דעמ ראָזיקנ כעזשבנ 7,3 מיליארד רובל צוגאָב־אָנזאמ־לונג אינ דער אינדוסטריע.

12. פארגרעסערנ די צאָל שילער אינ די אָנפאנג־ און מיטל־שולנ ביז 36,2 מיליאָנ מאנ און אינ די הויכ־שולנ ביז 657 טויזנט מאנ, דערפירנדיק די אלגעמיינע הוצאָעס אפ סאָציאל־קולטורעלע מאָסמיטלענ ביז 48 מיליארד רובל.

13. אויספילנ די פּראָגראמ פונ 57 מיליארד רובל קאפּיטאלע אינוועסטי־ציעס (דערונטער 9 מיליארד רובל ניט צענטראליזירטע קאפּיטאלע אינוועס־טיציעס).

14. זיכערנ די ווײַטערדיקע פארגרעסערונג פונ די מאטעריעלע און פינאנ־ציעלע מעלוכע־רעזערווונ.

* * *

די XVIII אלפארבאנדישע קאָנפערענצ פונ דער אלקפ(ב) דריקט אויס די פולע זיכערקייט, אז אלע פארטיי-אָרגאניזאציעס וועלנ נאָכ ברייטער פאַ-נאנדערוויקלענ דעמ סאָציאליסטישנ געוועט אינעמ ארבעטער-קלאס, אינעמ קאָלווירטישנ פויערטומ אונ צווישנ דער אינטעליגענצ אונ וועלנ זיכערנ דאָס אויספילנ אונ איבערשטייגנ דעמ פלאנ פונ אנטוויקלענ די פאָלקסווירטשאפט פונ פססר אינ 1941 יאָר.

וועגנ באנײַענ די צענטראלע אָרגאנענ
פונ דער אלקפ(ב).

רעזאָליוציע איבערנ 3=טנ פונקט פונעמ טאָג=סיידער
(אָרגאניזאציאָנעלע פראגנ).

באטראכט דעמ 3=טנ פונקט פונעמ טאָג=סיידער „אָרגאניזאציאָנעלע פראגנ“, האָט די XVIII אלפארבאנדישע קאָנפערענצ פונ דער אלקפ(ב) אָנגענומענ פאָלגנדיקע באשלוסנ:

I.

1. אינ העסקעמ מיטנ פונקט 38 פונעמ סטאטוט פונ דער אלקפ(ב) אויסשליסנ פונעמ באשטאנד מיטגלידער פונעמ צק אלקפ(ב) פאָלגנדיקע כאוויירימ אלס אזוינע, וואָס האָבנ ניט געזיכערט דאָס אויספילנ די פליכטנ פונ מיטגלידער פונ צק אלקפ(ב) — אנצעלאָוויטש נ. מ., ליטווינאָוו מ. מ., ליבאטשאָוו אי. א., מערקולאָוו פ. א.; בענעדיקטאָוו אי. א. אונ שטשאדענקאָ יע. א. ווידער אריבערפירנ פונ מיטגלידער אינ קאנדידאטנ פונ צק אלקפ(ב).

2. אויסשליסנ פונעמ באשטאנד קאנדידאטנ פאר מיטגלידער פונ צק אלקפ(ב) פאָלגנדיקע כאוויירימ אלס אזוינע, וואָס האָבנ ניט געזיכערט דאָס אויספילנ די פליכטנ פונ קאנדידאטנ פאר מיטגלידער פונ צק אלקפ(ב) — אנטאָנאָוו ד. אי., ביריוקאָוו נ. אי., וויינבערג ג. ד., זשעמטשוזשינא פ. ס., זשוראווליאָוו וו. פ., איגנאטאָוו נ. ג., איסקאנדעראָוו א. ב., קאָוואליאָוו מ. פ., נעוועזשינ נ. אי., ראסטיאָגינ ג. ס., סאמאָכוואלאָוו א. אי., פעקלענקאָ נ. וו., פראָלקאָוו א. א., שאגימארדאנאָוו ש. וו., יארצעוו וו. וו.

3. אויסשליסנ פונעמ באשטאנד פונ דער צענטראלער רעווידיר=קאָמיסיע פאָלגנדיקע כאוויירימ אלס אזוינע, וואָס האָבנ ניט געזיכערט דאָס אויספילנ די

פליכטנ פונ מיטגלידער פונ דער צענטראלער רעווידיר=קאָמיסיע—אנדרײענ=
קאָ א. א., וואָלקאָוו א. א., דעניסענקאָ וו. מ., קוואסאָוו מ. יע., קיסעליאָוו
ק. וו., מורוגאָוו אי. וו., סילקינ ג. פ., סקריניקאָוו ס. יע., טשובינ יא. א.

4. קאָמפּלעקטירנ דעמ באשטאנד פונ צק אלקפ(ב) אונ אויסוויילנ אלס
מיטגלידער פונ צק אלקפ(ב) פאָלגנדיקע כאוויירימ: פּאָפּאָוו ג. מ., פּאטאָ=
ליטשעוו נ. ס., דעקאנאָזאָוו וו. ג., פּראָנינ וו. פ., סוסלאָוו מ. א.,
קוזיניע אָ. וו.

5. קאָמפּלעקטירנ דעמ באשטאנד קאנדידאטנ פאר מיטגלידער פונ צק
אלקפ(ב) אונ אויסוויילנ אלס קאנדידאטנ פאר מיטגלידער פונ צק אלקפ(ב)
פאָלגנדיקע כאוויירימ: זשוקאָוו ג. ק., זאפּאראָזשעצ א. אי., טיולעניעוו
אי. וו., קירפּאָנאָס מ. פ., יומאשעוו אי. ס., נאָסענקאָ אי. אי., קרוטי=
קאָוו א. ד., קופּריאנאָוו ג. נ., סנעטשקוס א. יו., קאלנבערזינ יא. ע.,
סיארע ק. יא., אפּאנאסענקאָ אי. ר., ראָדיאָנאָוו מ. אי., סעראָוו אי. א.,
אלעקסאנדראָוו ג. פ., מײסקי אי. מ., טשערעווישענקאָ יא. ט.

6. קאָמפּלעקטירנ דעמ באשטאנד פונ דער צענטראלער רעווידיר=קאָמיסיע
אונ אויסוויילנ אלס מיטגלידער פונ דער צענטראלער רעווידיר=קאָמיסיע פאָל=
גנדיקע כאוויירימ: מאַלאָקאָוו וו. ס., טריבוצ וו. פ., פּערעסיפּקינ אי. ט.,
קודינאָוו מ. א., באָטשקאָוו וו. מ., אָקטיאברסקי פ. ס., גאָליקאָוו פ. אי.,
גרישטשוק ל. ס., פּאָפּאָוו מ. מ., פּאניושקינ א. ס., פּאפּאנינ אי. ד.,
באָראָדינ פ. ג.

II.

1. וואָרענענ דעמ כ' קאגאנאָוויטש מ. מ., וועלכער האָט, זײַענדיק פאָלקס=
קאָמיסאר פונ דער אוויאציע=אינדוסטריע, געארבעט שלעכט, אז אויב ער וועט
זיכ ניט אויסבעסערנ אויכ אפ דער נײַער ארבעט, אויב ער וועט ניט אויספילנ
די אופטראָגנ פונ דער פּארטיי אונ פונ דער רעגירונג, וועט ער ארויסגעפירט
ווערנ פונעמ באשטאנד מיטגלידער פונ צק אלקפ(ב) אונ וועט אראָפּגענומענ
ווערנ פונ אָנפירנדיקער ארבעט.

2. וואָרענענ דעמ כ' דעניסאָוו מ. פ. — קאנדידאט פאר א מיטגליד פונ
צק אלקפ(ב), פאָלקס=קאָמיסאר פונ דער כימישער אינדוסטריע; דעמ כ' סער=
גייעוו אי. פ. — קאנדידאט פאר א מיטגליד פונ צק אלקפ(ב), פאלקס=קאָמי=

סאר פונ שלאכט=מאטעריאלנ; דעמ כ' דוקעלסקי ס. ס. — מיטגליד פונ דער רעווידיר=קאָמיסיע, פאָלקס=קאָמיסאר פונ יאמ=פלאָט, אז אויב זיי וועלנ ניט פארבעסערנ זייער ארבעט אונ וועלנ זיכ ניט מאכנ קיינ אויספירנ פונ דער קריטיק פונ זייער ארבעט אפ דער XVIII פארטיי=קאָנפערענצ, וועלנ זיי ארויסגעפירט ווערנ פונעמ באשטאנד פונ צק אלקפ(ב) אונ פונ דער רעווידיר=קאָמיסיע אונ ארא̇פגענומענ ווערנ פונ די פאָסטנס, וועלכע זיי פארנעמענ.

3. וואָרענענ אויכ דעמ פאָלקס=קאָמיסאר פונעמ טייכ=פלאָט כ' שאשקאָוו ז. א., דעמ פאָלקס=קאָמיסאר פונ דער פיש=אינדוסטריע כ' אישקאָוו א. א., דעמ פאָלקס=קאָמיסאר פונ דער עלעקטראָ=אינדוסטריע כ' באָגאטיריאָוו וו. וו., אז אויב זיי וועלנ ניט פארבעסערנ די ארבעט פונ זייערע פאָלקאָמאטנ, וועלנ ניט אויספילנ די אויפגעבונגענ פונ דער פארטיי אונ פונ דער רעגירונג, וועלנ ניט מאכנ קיינ אויספירנ פונ דער קריטיק פונ זייער ארבעט אפ דער דאָזיקער קאָנפערענצ, וועלנ זיי ארא̇פגענומענ ווערנ פונ זייערע פאָסטנס אלס פאָלקס=קאָמיסארנ.

אינהאלט

זייט

וועגן די אויפגאבן פון די פארטיי־אָרגאניזאציעס אין געביט פון דער אינדוסטריע און פונעם טראנספּאָרט. רעזאָליוציע איבערן פּאָרטראַג פונעם כאווער מאַלענקאָוו, אָנגענומען אויף דער XVIII אַלפאַרבאַנדישער קאָנפערענץ פון דער אַלקפּ(ב) 3

I. די דערפאָלגן און די כעסרוינעס אין דער ארבעט פון דער אינדוסטריע און פונעם טראנספּאָרט 3

II. די סיבעס פון די כעסרוינעס אין דער ארבעט פון די פּאָלקאָמאטן און פון די פארטיי־אָרגאניזאציעס אין געביט פון דער אינדוסטריע און פונעם טראנספּאָרט 6

III. די ווירטשאפטלעך־פּאָליטישע אויפגאבן פון די פארטיי־אָרגאניזאציעס אין געביט פון דער אינדוסטריע און פונעם טראנספּאָרט 8

IV. די אָרגאניזאציאָנעלע אויפגאבן פון די פארטיי־אָרגאניזאציעס אין געביט פון דער אינדוסטריע און פונעם טראנספּאָרט 15

די ווירטשאפטלעכע סאכאקלען פון 1940 יאָר און דער פּלאן פון אנטוויקלען די פאָלקס־ווירטשאפט פון פססר אין 1941 יאָר. רעזאָליוציע איבערן פּאָרטראָג פונעם כאווער וואָזנעסענסקי, אָנגענומען אויף דער XVIII אַלפאַרבאַנדישער קאָנפערענץ פון דער אַלקפּ(ב) 21

I. סאכאקלען פון 1940 יאָר 21

II. דער ווירטשאפט־פּלאן אויפן 1941 יאָר 24

וועגן באנייען די צענטראלע אָרגאנען פון דער אַלקפּ(ב). רעזאָליוציע איבערן 3־טן פונקט פונעם טאָג־סיידער (אָרגאניזאציאָנעלע פראגן) 27

РЕЗОЛЮЦИИ XVIII ВСЕСОЮЗНОЙ КОНФЕРЕНЦИИ ВКП(б).
На еврейском языке.

Редактор перевода *И. Лев*.

Подписано к печати 24/II-1941 г. А-35018. Тираж 30.000. 1 п. л., 70,4 тыс. знаков в печ. листе, 1,4 уч. изд. л. Заказ № 130. Цена 15 коп.

17-я фабрика нац. книги Огиза РСФСР треста «Полиграфкнига»
Москва, Шлюзовая наб., 10.